בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

מתוך פרשת מקץ
שבת חנוכה תשפ"ב

יו"ל פר' מקץ - שבת חנוכה תשפ"ג



## נתנדב לזכר נשמת
## רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**

**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

### "גחלי אש"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבינו **ראש הישיבה מגור** שליט"א
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש
באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש
אנגליה - 03303900476

### "בם חייתני"
לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש
מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה
בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8
באר"י - 037680292
אנגליה - 03303900476 שלוחה 8

© כל הזכויות שמורות
יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"
מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו
של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע
kolmenachem12@gmail.com

דברי
## רבינו ראש הישיבה שליט"א
מתוך פרשת מקץ - שבת חנוכה תשפ"ב

**הרה"ק מדזיקוב** זי"ע אין זיין ספר **אמרי נועם** ברענגט אראפ די קשיא וואס אלע פרעגן, פארוואס האט יוסף הצדיק געגעבן א עצה פאר פרעה **'ועתה ירא פרעה איש נבון וחכם'** וגו' (מא, לג), צו דען האט מען איהם גערופען אז ער זאל זיין א עצה געבער פאר פרעה, מען האט דאך איהם נאר גערופען ער זאל באשיידען די חלום. אויך דארף מען פארשטיין, פון וואס איז פרעה נתפעל געווארען עד כדי וואס ער האט געזאגט 'הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו' (מא, לח). און ער געבט צו פארשטיין, בהקדם דאס וואס מען טרעפט א אינטערשיד צווישען דאס וואס עס שטייט אין תורה וואס פרעה האט געזעהן אין די חלום, און צווישען וואס פרעה האט פארציילט צו יוסף, און דאס איז וואס ער האט געזאגט 'ולא נודע כי באו אל קרבנה' (מא, כא), און יוסף הצדיק ווען ער האט באשייד די חלום האט ער געזאגט דערויף 'ולא יִוָּדַע השבע בארץ' (מא, לא ורש"י שם), און ווען דער תורה פארציילט דער חלום ווערט בכלל נישט דערמאנט דעם פונקט.

**ענטפערט** דער אמרי נועם אז וויבאלד פרעה האט געוואוסט אז ס'איז נישט דא קיין חלום אן קיין דברים בטלים (ברכות נה.), און אלע חרטומים ווען זיין האבען באשיידען די חלום, האבען זיי געגעבען א באשיידונג אויף אלע פרטים פונעם חלום - מתחילתו ועד סופו, און זיי האבען נישט איבער געלאזט קיין שום זאך אז ס'זאל זיין א דבר בטל, און דעריבער האט פרעה נישט אנגענומען די באשיידונג פון די חרטומים. אבער יוסף הצדיק ווען ער האט באשייד די חלום, האט ער געזאגט אז דאס וואס פרעה האט געחלומ'ט **'ולא נודע כי באו אל קרבנה'**, דאס איז דער דבר הבטל, ווייל אין אמת'ן אריין וועט נישט אזוי זיין, ווייל 'עתה ירא פרעה איש חכם ונבון', און ער וועט איינזאמלען פון די 'ימי השובע' צו די 'ימי הרעב', און נישט נאר אז מען וועט נישט פארגעסען די 'ימי השובע', נאר די 'ימי השובע' וועלען זיין א הכנה פאר די 'ימי הרעב', און מען וועט גוט באמערקען **כי באו אל קרבנה**. און דעריבער שטייט נישט

אין די תורה ווען פרעה האט געחלומ'ט אז ס'איז לא נודע כי באו אל קרבנה, ווייל דאס איז דער 'דבר בטל' פונעם חלום, און פארוואס דארף דאס די תורה שרייבען.

**און** דערפאר האט יוסף געגעבען א עצה 'ועתה ירא פרעה' וגו' טראצדעם וואס מען האט איהם בכלל נישט געבעטען דערויף, וויבאלד דאס איז א טייל פונעם באשיידונג פונעם חלום, דורכדעם וואס דער פרט וועט זיין דער דבר בטל, וועלען אלע אנדערע פרטים קענען האבען א קיום. און אויף דעם האט פרעה געזאגט '**הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו**' - וואס קען וויסען און אפטיילען צווישען דעם דבר בטל און דעם דבר המתקיים, '**אין חכם ונבון כמוך**' וואס קען אפטיילען צווישען דעם שקר און צווישען דעם אמת. ודפח"ח.

**און** אט זענען אלע דזיקובער ווערטער שיין און האבען א גלאנץ, אבער פון דעם ווארט קען מען לערנען א מוסר השכל. מיר אלע לעבען דאך אויף די וועלט וואס איז 'כחלום יעוף' (איוב כ, ח), און אזוי וויא ס'שטייט אין ספה"ק אויפ'ן פסוק (תהלים קכו, א) '**בשוב ה' את שיבת ציון היינו כחולמים**' - אז לעתיד ווען מיר וועלען האבען דעם ריכטיגען קוק און בליק און דעם ריכטיגען געפיהל, וועלען מיר באמערקען זעהן און שפירען אז דער גאנצע לעבען אויף די וועלט איז נישט מער וויא איין לאנגע חלום, נאר עס ווענדט זיך וואס מען טוהט אין דעם חלום, ס'איז מעגליך אז דער גאנצע וועלט פונעם מענטש וועט ווערען גערכנט אלץ א חלום שאין בו ממש, אדער ס'וועט זיין אזוי וויא א חלום שיש בו ממש, אז ער נוצט אויס די צייט וואס ער וויילט דא אינעם 'פרוזדור' זיך צו צוגרייטען אריין צו גיין אינעם 'טרקלין'. און אזוי וויא דאס וואס ווערט פארציילט אז נאכ'ן שנות הזעם פון די לעצטע וועלט'ס קריג, ווען ס'איז חרוב געווארען אסאך מרכזי התורה, און דער **פוניביזער רב הגרי"ש כהנמן זצ"ל** האט געמאכט גרויסע פלענער אויפצושטעלען מוסדות תורה שלא כדרך הטבע, און ס'האט אויסגעזעהן אין די אויגען פון די מענטשען אז ס'איז נישט קיין מציאות'דיגע פלענער און מ'קען דאס נישט אויספירען, האט דער פוניביזער רב געזאגט אויף זיך: 'מענטשען רופען מיר חולם חלומות,

איך חלום טאקע, אבער איך שלאף נישט'. כמה נוקבים הדברים - די ווערטער האבען א טיפער משמעות אויף די 'חלום יעוף' פון די וועלט, אז ס'ליגט א אויפגאבע אויפ'ן מענטש ער זאל האבען שכל צו זיין א חכם און א נבון, צו קענען גוט באמערקען וואס זענען די דברים בטלים און וואס זענען די אמת'ע און ריכטיגע זאכען אויף די וועלט, אויסנוצען יעדער מינוט און משקיע זיינע כוחות אין רוחניות'דיגע זאכען וואס באגלייטען איהם נאכ'ן לאנגען חלום, לעולם שכולו טוב.

**און** די טעג פון חנוכה זענען מסוגל דער מענטש זאל זיך ערוועקען אויס צונוצען די טעג פון די לעבען אזוי וויא עס דארף צו זיין, ווייל ס'שטייט אין די גמרא (שבת כא:) **בית שמאי אומרים פוחת והולך, ובית הלל אומרים מוסיף והולך**, און לויט איינער פון די אמוראים איז די טעם פון בית שמאי **כנגד ימים הנכנסין** [רש"י - העתידים לבא], און די טעם פון בית הלל **כנגד ימים היוצאין**, און רש"י געבעט צו פארשטיין '**שיצאו כבר, וזה שהוא עומד בו נמנה עם היוצאין**', און לכאורה דער טאג וואס ער געפינט זיך אין איהר איז נאכנישט פארביי - און ס'שטייט נאך פאר איהם, און טאקע ביי די 'ימים הנכנסים' רעכנט מען דער טאג וואס ער שטייט אין איהר. נאר דאס איז דער גאנצע אונטערשיד צווישען די וועלט און מיט די עולם האמת, ווייל אין עולם האמת ווייסט דער מענטש און ער אנערקענט די אמת אז ער האט געדארפען אויסנוצען יעדער מינוט פון זיין לעבען שטענדיג צו טוהן נאך און נאך תורה און מצוות - און דאס וואס ער האט נישט געטוהן האט ער נישט, אבער אויף די וועלט מיינט דער מענטש אז נאכדעם וואס ער טראכט און פלאנירט וואס ער גייט טוהן אין דעם דאזיגען טאג וואס איז נאך פאר איהם - אט איז דאך דער טאג נאכנישט אריבער. אבער דער אמת איז, אז אויב ער וועט זיך נישט כאפען און זעהן צו צוקומען צו טוהן בפועל - איז אויך דער טאג וואס שטייט פאר איהם איז פון די 'ימים היוצאין', ווייל די טאג לויפט וויא א שנעלע באן, און אויב דער מענטש לעבט נישט מיט א אינערליכע און שטענדיגע נאכלויף אויס צו נוצען יעדער רגע עפעס אויף צו טוהן, איז זיין לעבען 'כחלום יעוף', ווייל ביז ווען

דער מענטש הייבט אן צו טראכטען און פלאנירען דעם קומענדיגע טאג וואס שטייט פאר איהם - איז אויך דעם דאזיגען טאג כיום אתמול כי יעבור.

**און** לעתיד לבא וועט די הלכה זיין כבית שמאי, אבער אויף די וועלט וואס ס'איז 'כחלום יעוף' ווערט געפסקנ'ט די הלכה כבית הלל, ווייל דאס איז די געפיהל וואס א מענטש וואס לעבט אויף די וועלט דארף צו האבען כדי ער זאל נישט איינזינקען אינעם חלום, און ער זאל קענען באמערקען וואס איז די טפל און וואס איז די עיקר, אפצוטיילען צווישען די אמת'ע און ריכטיגע זאכען וואס ער נעמט מיט זיך צו די חיים הנצחיים, און די דברי הבל וואס האבען נישט קיין קיום, און אויב ער איז נישט משקיע די טעג זיינע מיט דברים ממשיים - זענען אלע טעג זיינע בגדר 'ימים היוצאין'. און אין די ימי החנוכה דארף דער מענטש מתעורר ווערען דערויף, און אדרבה צו צולייגען יעדען טאג נאך און נאך אין עבודת ה' - אזוי וויא די צווייטע טעם פון די גמרא פון 'מעלין בקודש', צו זיין א מוסיף והולך, צולייגען נאך און נאך און נאך.

און מיט דעם קען מען פארענטפערען דאס וואס די **מפרשים** מערקען אן אויפ'ן לשון פון די גמרא (שבת כא:) 'שני זקנים היו בצידן אחד עשה **כבית** שמאי ואחד עשה **כדברי** בית הלל', פארוואס ביי בית שמאי כאפט מען אן די לשון 'כבית שמאי', און ביי בית הלל כאפט מען אן די לשון 'כדברי' בית הלל. און לויט וויא אויבען דערמאנט קען מען זאגען, אז דברי בית שמאי גייען ארויף אויף א פריוואטע הלכה פון נר חנוכה - פוחת והולך, אבער דברי בית הלל אז מוסיף והולך כנגד ימים היוצאין, רירען נישט אן נר חנוכה אליינט, נאר 'כדברי' בית הלל דארף זיין די גאנצע הנהגה און הרגשה פון א מענטש ביים לעבען אויף די וועלט.

און בפרט אין די ימי הבחרות, דארפען מען זיך ערוועקען אויסצונוצען די ימי הנעורים אזוי וויא עס דארף צו זיין - וואס דאס וועט איהם העלפען אויף א גאנץ לעבען. און ס'שטייט אין די גמרא (יומא לח:) 'כיון שיצאו רוב שנותיו של אדם ולא חטא שוב אינו חוטא שנאמר (ש"א ב, ט) רגלי חסידיו ישמור' [ואיתא שם בתוס' (עי' תוס' הרא"ש ותוס'

ישנים) כי מי שבא לחטוא אין נועלין לפניו לגמרי, אלא שאחר שיצאו רוב שנותיו, הרבה מסייעין אותו מכאן ואילך להיטהר ולהתקדש בלא עמל רב כמו מקודם, ולחטוא יצטרך לעמול]. און די **מפרשים** שרייבען (עי' מהרש"א סנהדרין קו:, ועי' טורי אבן חגיגה ה., ועי' בן יהוידע יומא שם) אז דער כוונה פון רוב שנותיו מיינט פון 'ימי שנותינו בהם שבעים שנה'. און רוב שנותיו פון זיבעציג יאהר זענען זעק'ס און דרייסיג - ל"ו יאהרען, און אין חנוכה צינדט מען אן ל"ו נרות, און מ'דארף וואס מער אויסנוצען די סגולה פון די טעג, און דורכדעם וואס מען איז מקיים 'הרגיל **בנר**' - אז מ'געוואוינט זיך צו עוסק צו זיין אין תורה און מצוות טאג איין און טאג אויס אין די ימי הנעורים, איז מען זוכה צו צוקומען זיך צו א רגילות אין תורה און אין יראת שמים - אז מער וועט ער נישט זינדיגען - שוב אינו חוטא, און זיין א מוסיף והולך, און ס'זאל מקויים ווערן 'רגלי חסידיו ישמור'.

P&G
Insurance Brokers